„RADOMER-KIELCER LEBEN“ № 32 (120) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאהרגאַנג דריטער גראַשען 25 פּרייז

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

ראַדאָם פרייטאָג כ"ו מנחם אב תרפ"ו ◆◆ פאַר'ן אינהאַלט אין טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ◆◆ 6 go sierpnia 1926 roku

## היינט 10 זייטען.

אַ הערצליכען מזל–טוב ווינשען מיר אונזער טאָכטער, שוועסטער און שוועגערין

מיט ה׳ **רחל'ע מאַדזשעיעווצקי**

**שלום ראָזענבוים** —

גלייכצייטיג ווינשען מיר זיי אַ גליקליכע רייזע צום אַבּפאָהר נאָך קאַנאַדע, ועלען זיי האָבען אַ גליקליכע ציקונפט אין זייער נייער היים.

**קלמן גאָלדפאַרב** עט **פרוי.**

מוטער **מרים, ברודער ברוך לייב**

און **שמואל מאַדזשעוויעצקי.**

---

אַ הערצליכען מזל–טוב צו אייער חתונה און אַ גליקליכע רייזע צו אייער אַבּפאָהר נאָך קאַנאַדע, ווינשען מיר אונזערע ליבע קוזינען:

פרל׳ **רחל'ע מאַדזשעוויעצקי**

און ה׳ **שלום ראָזענבוים.**

פלטי׳ גאָלדפאַרב עט פאַמיליע.

---

כשר

פערלאַנגט אומעטום

נ ו ר

**„פאַטאָקאָל“**




ווייל **„פאַטאָקאָל“** איז די בעסטע און ביליגסטע

**קאַקאָס-פּוטער**

כשר



---

# Zakłady Cegielniane

## „KOCHANÓWEK“

**w Radomiu – Kaptur**

מאַכט בעקאַנט די ג׳ אייניוואוינער פון ראַדאָם אין אומגעגענד, אַז אונזער **צעגיעלניע** איז געבראַכט געוואָרען אין בעוועגונג און מיר האָבען שון גרייט **מאַשין און האַנד-ציגעל** אויף וועלכע מיר נעמען אָן בעשטעלונגען, וואָס וועלען אויסגעפיהרט ווערען פינקטליך

**צו מעסיגע פרייזען**

מיט אכטונג: **ציגעל-פאַבריק „קאָכאַנאָוועק“**

דזשערזשאָווצע: **ח. דרעזנער,**

ראַדאָם, וואַלאָווא 31.

---

## בעקאַנטמאַכונג.

אַזוי ווי רעי- ערשטקלאַסיגער סוחר **אהרן ראָזנער** פון סקאַרזשיסק איז געקומען קיין (סטאַציע) זאַגנייענסק — (קעלצער קרייז) קויפען קלעפּקער און צוליב דעם וואָס איבער די דאָרטיגע סוחרים האָט ער נישט געקאָנט קויפען ביליג, האָט ער אָנגענומען נישט מענשליכע מיטלען ווי **מסירה** און וועלען דורך דער הילף פון דער מאַכט קאָנפיסקירען אַ וואַגאָן קלעפּקעס פאַר 500 דאָלאַר וואָס געהערט צו אַ יוד. דעם ראַזיגען מהאָט גיב איך איבער דער עפענטליכקייט און זאָל די געזעלשאַפט משפט'ן.

**י. רובינאָוויטש**

קעלץ.

---

Z okazji zaręczyn naszej przyjaciółki p. **Edzi Wajsfusówny** z p **Józefem Zejgfingerem** (Metz) wyrażają narzeczeństwu serdeczne życzenia, szczęśliwej i promiennej przyszłości

**Felicja i Maurycy HOCH.**

---

Z intencji zaślubin naszego v. prezesa p. **Staszewskiego** z p. **Rysią Rabinowiczówną** życzą młodej parze wiele szczęścia

**Zarząd i członkowie Ż. T. G. S. „MAKABI“.**

---

Z intencji zaślubin p. **Sali Frajdenrajchównej** z p **Samuelem Nachmanem** życzymy długiego pożycia, by droga ich przyszłości wyścielona była kwiatami.

**Rodzina Birencweig.**

---

מזל—טוב אייך ה׳ **יצחק בייגפינגער** (מעטץ) און פר'ל **עדזשע וויספוס** (ראַדאָם) צו אייער פערלאָבונג.

**זיסקינד גלייכמאַן עט פרוי און טאָכטער.**

---

לבואך בברית הנשואין הב׳ה יקרה **בת-שבע איזנבג** את בחירת לבך **יחיאל קריגר** כוה לרגיות תזכו להגשים את רעיוננו החלוצי על הרי יהודה והגליל.

**דנציגר צבי, אספיס יעקב וקילר מנחם.**

---

**וואָלף מאַנגעל** — **שיינדיל ראָזענעק**

קעלץ — בענדין

**האָבען חתונה פרייטאָג דעם 6-טען אויגוסט 1926.**

---

צו דער האָכצייט פון אונזער פריינד וו. מאַנגעל מיט פר"ל ש. ראָזענעק וואונשען מיר אַ ברכת מזל—טוב גליק און צוויגעס צופרידענהייט.

קעלץ. **חיים זיעלאָני, הלל מאַרימונד.**

---

## טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי“ טעאַטער

גאַסט-אָלען פון די פעראייניגטע טרופּע פון אידישען אַרטיסטען פעראיין אין וואַרשע. —— מיטן אַנטייל פון: זאַריצקאַ, שפילמאַן, מאַכאַ ראָוויסקאַ סעגאַל. מענער: פעלד, באַלבירסקי, מאַכאַראָווסקי, גוטמאַן שיינער.

**שבת דעם 7-טען אויגוסט און זונטאָג דעם 8-טען 8.45 אָווענד**

ווערט געשפּילט די לאַנג ערוואַרטעטע אָפּערעטע, וועלכע איז געשפּילט געוואָרען אין וואַרשאַ אַ גאַנצען סעזאָן מיט'ן גרעסטען ערפאָלג

# די קאַווקאַזער ליבע.

אָפּערעטע אין 3 אַקטען פון פ. ק. סאַנדלער.

די ראָלען ווערען אויסגעפיהרט:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פאַיעל מאָסיעעייטש | גוטמאַן | ראַאיסאַ | וואַריצקאַ |
| איסאַק | פעלד | ליובאַ | סעגאַל |
| קאַסיאַ | שפּילמאַן | לאַזאַר מאַרקאָוויטש | שיינער |
| זבירשאַ | מאַכאַראָווסקאַ | מישאַ | באַלבירסקי |
| חיים אהרן | מיכאַראָווסקי | צוציק | מענדעלעוויטש |

אין 2—טן אַקט אַ גרויסער קינדער-באַלעט—אין 1—טן אַקט די קינאָ אויפנאַהמע איסאַק פאָהרט מיט דער אייזענבאַהן פון מאָסקווא נאָך קאַווקאַז. אַ פּאַרגרעסערטער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה׳ גאָלדראַט

באַמערקונג: טראָץ די גרויסע קאָסטען פון דער אויסשטאַטונג און נייע קאָסטיומען ווערען דאָך די פרייזען נישט געהעכערט. בילעטען פון 1 זל. ביז 3 זלאָטעס.

**אכטונג! שבת און זונטאָג זענען פריי-קאַרטען נישט גילטיג!**

---

**קעלץ** דאָנערשטאַג דעם 12 טן און פרייטאָג דעם 13 טן 8 45 אָוו.

קומט נאָך קעלץ נאָר אויף 2 פאָרשטעלונגען פון ראַדאָם די פעראייניגטע טרופּע עס ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָהל אין קעלץ

# די קאַווקאַזער ליבע און שאַ! שאַ! די מומע געהט

(Hallo Ciotka) געשעפטס-פיהרער ה׳ ליכטער.

# קעלצער אבטיילונג.

צבי מאשקאוויץ.

## MEDICE CURA TE IPSUM!

דער קאמף צווישען די דאקטוירים פון „לינת הצדק" מיט די אנדערע יודישע דאקטוירים פון אונזער שטאדט, האט לעצטענס אנגענומען א כאראקטער פון א געזעלשאפטליכען סקאנדאל. די ארימרייסענישען און קריגערייען זענען שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז די קעלצער יודישע בעפעלקערונג הויבט זיי אן סיהלען אויף דער אייגענער הויט דורכדעם, וואס א קראנקער, ביי וועמען ס'איז געוועזען א דאקטאר פון איין צד, קען שוין זיין זיכער, אין וואס פאר א געפעהרליכע לאגע ער זאל זיך נישט געפינען, אז די דאקטוירים פון צווייטען לאגער וועלען איהם שוין נישט בעזוכען.

און אפשר איז דער קעלצער בארען צו קליין פאר אזא „הייליגען" קאמף האט מען זיך בעמיהט, אז דאס אלעס וואס קומט פאר אין קעלץ, זאל געפונען אנ'אבקלאנג אין דער ווארשאווער פרעסע, בארייט אין פארם פון א קארעספאנדענץ.

מיר ווילען זעלבסטפערשטענדליך נישט בעשולדיגען וועלכען ס'איז צד, פאר דעם צושטאנד, וועלכער איז געשאפען געווארען. א דאנק דעם אונאויפהערליכען דאקטוירים-קאמף, אבער אלעס דארפט דאך האבען זיין גרעניץ.

ס'איז געקומען א מאמענט, ווען די יודישע עפענטליכקייט קען שוין מעהר נישט בלייבען גלייכגילטיג צו דעם אלעם, וואס ווערט אויף איהר חשבון אבגעטוהן.

די יודישע געזעלשאפט אין קעלץ, מוז שוין נעמען א ווארט אין דער פראגע און פערענדיגען דעם קאמף, וואס נעמט אן וואס אמאל מעהר געפעהרליכערע פארמען פאר דער יודישער בעפעלקערונג. פאראליזירענדיג דורך דעם קאמף די גאנצע געזעלשאפטליכע ארבייט.

אויב די יודישע דאקטוירים אליין האבען דורך די עטליכע יאהר נישט געקענט געפונען קיין רפואה צו דער קרענק פון ארומרייסענישען וואס האט זיי בעהערשט, זאלען זיי די זאך ארויסגעבען פון זייערע הענד. זאל נעוועהלט ווערען א עהרען-געריכט פון פארשטעהער פון פערשידענע היגע פאליטישע און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע מען קען נישט חושד זיין אין סימפאטיעס, צו וועלכען ס'איז לאגער, אדער צד און מיר גלויבען, אז עס וועט די פערזאנען געלונגען דעם גאנצען קאנפליקט צו ליקווידירען. ס'פעהלט נאר א ביסעל גוטער ווילען פון ביידע צדדים און אונזער שטאדט וואלט פטור געווארען פון אנ'אנשיקעניש, וואס גיט איהר זיכער נישט קיין איבריגען כבוד.

אונזער דיפלאמירטע אינטעליגענץ דארף דאס אלעס פערשטעהן און ארויסווייזען איהר גרייטקייט זיך אונטערצוווארפען דעם פערלאנג פון דער געזעלשאפט, כדי א סוף צו מאכען צו דעם אונערהערטען סקאנדאל אין אונזער שטאדט.

די יודישע עפענטליכקייט פאדערט אייך אויף דערצו און איהר, יודישע דאקטוירים, מוזט די פאדערונג ערפילען.

## דער לעגיאניסטען-צוזאמענפאהר אין קעלץ.

### שבת פריה קומען צו פאהרען קיין קעלץ די ה"ה: מארשאל יוזעף פילסודסקי, פרעמיער בארטעל, אינערן-מיניסטער מלאדזשאנאווסקי, וויצע קריג'ס-מיניסטער גענעראל בורהארדט בוקאצקי און אנדערע.

### דאס פראגראם פון לעגיאניסטען-צוזאמענפאהר:

**שבת דעם 7|8**

שבת פריה, קומט צו פאהרען מארשאל יוזעף פילסודסקי קיין קעלץ.

16—30 — וועט פארקומען א בעראטונג פון די דעלעגאטען אין זאל פון ניי אויפגעבויטען קינא פון ה' מ. עלענצווייג אויף סטאשיצא גאס.

**זונטאג דעם 8|8.**

8 אזייגער פריה, וועט פארקומען אויפ'ן פלאץ פון 3 טען מאי, נעבען שטאדטישען גארטען א שלאג-מארש פון קאראר.

8—45 וועט אנקומען אויפ'ן פלאץ מארשאל יוזעף פילסודסקי.

9 פריה, וועלען פארקומען מיליטערישע פייערליכקייטען אויפ'ן באזאר-פלאץ און הייליגען דעם פאהן פון שיסער-פעראיין („זוויאנזעק-סטשעלצאווי") און נאכהער — א דעפילאדע.

10—30 וועט פארקומען די פייערליכע ערעפנונג פונ'ם צוזאמענפאהר אין קינא-זאל פון ה' עלענצווייג אויף סטאשיצא-גאס.

די 14 טע שעה, וועט פארקומען א בעשותפות'דיג מיטאג אויפ'ן ספארט-פלאץ „סאקול".

18.30 — א פארלעזונג פון מארשאל פילסודסקי אין אויבענדערמאנטען קינא. די 22-טע שעה — א באנקעט פאר די געסט. 1—56 ביינאכט — דער אבפאהר פון די דעלעגאטען קיין ווארשא.

אויסער די אויבענדערמאנטע פאליטישע פערזענליכקייטען וועלען זיך אויך בעטייליגען אינ'ם צוזאמענפאהר אויסלענדישע מיליטערישע געסט פון: ליפא, פינלאנד, עסטאניע. ווי אויך דער פערטרעטענדער שעף פון דער ציוויל-קאנצעליי פונ'ם פוילישען מליכה-פרעזידענט ה' ק. שוויטאלסקי, גענעראלען, אפיצירען פונ'ם גענעראל-שטאב.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז די יודישע בעפעלקערונג ווייזט ארויס א גרויסען אינטערעס צום צוזאמענפאהר און צום אויפנעמען די געסט דורך אבגעבען פיעל געזעלשאפטליכע און פריוואט לאקאלען פאר די געסט. אנ'אויספיהרליכען בעריכט פונ'ם צוזאמענפאהר וועלען מיר געבען אין קומענדיגען נומער פון אונזער צייטונג.

## באלדיגע שטראפען פון דער פאליציי.

### (וויכטיג פאר יעדען מענשען).

פון ערשטען אויגוסט אן געהט אריין אין קראפט די פעראָרדנונג פון רעגירונגס-קאמיסאר, בנוגע די באלדיגע שטראפען, וואס וועלען געמאכט ווערען דורך דער פאליציי, פאר עובר זיין אויף די זיכערהייטס און היגיעניע—פארשריפטען, ווי אויך פאר די גאס—בעוועגונג. די הויך פון די שטראף איז פאלגענדע:

1) פאר פעראומרייניגען די טראטוארען, פאסעען און גערטנער 1 זלאטע.

2) פאר אויסגיסען און ארויסווארפען נישט קיין ריינע זאכען פון די פענסטער און באלקאנען — 1 זלאטע.

3) פאר פעראומרייניגען פאדער הייזער, ארויסשטעלען קובלען מיט אונריינע זאכען, ווי אויך פאר נישט רייניגען די רינשטאקען — 50 גראשען.

4) פאר נישט בעגיסען די גאסען פאר'ן אויסקערען און פאר נישט רייניגען דעם הויף, אין די פארגעשריבענע צייט — 1 זלאטע.

5) פאר נישט בעלייכטען דאס פאדער-הויז און קלאזעט, פאר נישט פערמאכען דאס טויער — 1 זלאטע.

6) פאר אדורכפאהרען אויף דער לינקער זייט שאסע, וואו עס שטעהען די דראשקעס און אויטאס—2 זלאטעס.

7) פאר נישט האבען קיין בעלייכטונג אין אנ'אויטא, ראווערען און פאהר-וועגענס, פאר בענוצען זיך מיט נישט ערלויבטע שטאדט-סיגנאלען — 1 זלאטע.

8) פאר נישט האבען קיין ערלויבעניש אויף א דראשקע — 3 זלאטעס.

## דער מנהל פון דער קאמאראווער ישיבה „אוהל ישראל" פערפיהרט יודישע קינדער און בעשווינדעלט די געזעלשאפט.

אין דער קעלצער יודישער קהלה זענען די וואך געקומען 3 יודישע קינדער פון לענטשנע ביי לובלין און דערצעהלט פאלגענדען פאקט:

מיט 2 וואכען צוריק איז געקומען קיין לענטשנע (ליבלינער קרייז) א יונגערמאן פון א יאהר 20 און זיך פארגעשטעלט אלס מנהל פון דער קאמאראווער ישיבה „אוהל ישראל", וועלכער זאמעלט געלד פאר רעד זעלבער ישיבה. דער דאזיגער מנהל, ראובן שניידערמאן פון ולאסשעוו (זאמאשטשער קרייז), א שוחט'ס א זוהן האט איינגערעדט די לענטשעצער יודען, אז ער האט אין קעלץ געגרינדעט א ישיבה און געבעטען, אז זיי זאלען מיט איהם מיטשיקען זייערע קינדער אין דער קעלצער ישיבה אריין, וועלכע איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. די דארטיגע יודען האבען נישט לאנג געטראכט און איהם איבערגעגעבען זייערע קינדער. דער מנהל האט אויף דעם חשבון צוזאמענגענומען

Salon Fryzjerski
## H. DĄBKA
**RADOM, Lubelska 25.**
**Urządzony z całym komfortem i gruntownie odnowiony**
POLECA SIĘ SZ. PUBLICZNOŚCI.
*Specjalny gabinet dla PAŃ*
z osobnem we ściem i osobną poczekalnią.
*Obsługa pierwszorzędna.*
**Uwaga:** Wielki wybór artykułów **sportowych, kosmetycznych i galanterja.**

## PODZIĘKOWANIE.
Zarząd domu sierot żydowskich w Radomiu (Obozisko 6)
**wyraża niniejszem najserdeczniejsze podziękowanie Sz. Panu Lekarzowi-Dentyście**
HENRYKOWI TATAR
**za bezinteresowną stałą opiekę nad uzębieniem wychowańców DOMU SIEROT.**

## וואטע און וואטעלין
אלע סאָרטען ביליגער ווי איבעראַל
איז ביי דער בעוואוסטער
ביאַליסטאָקער פירמע
**MOZES LIPKES**
**Białystok, Lipowa 11**
די פירמע אַרבייט אויך אויס אַלע סאָרטען
**וואַטאָוועס דעקעס**, וועלכע זי פארקויפט זעהר ביליג. עס ווערען אָנגענומען קלענערע און גרעסערע באַשטעלונגען.

## אכטונג האנדווערקער!
זונטאָג דעם 8 טען שיערפּיען קומט פאָר אין האנדווערקער-קלוב
**אַ אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג**
מיט'ן אנטייל פון די חברים:
חיים ראסנער, בראָמבערגער און גאָלדבערג.
אויף דאָס טעמא: **רוי-שטאָף, קאָאפּעראטיוו, פּראָפּאַגאַנדע.**
איינגאַנג פריי.

## Kino „ODEON“ w Radomiu.
פון 5-טען ביז'ן 8-טען שיערפּ'ען ה. י.
## PODSTĘPNY STRZAŁ
אין די הויפּט ראָל:
**Betty Compson** די בעריהמטע ארטיסטקי

**Pierwszorzędne strzyżenie Pań**
podług najnowszych żurnali
w specjalnym gabinecie damskim
**Wiktora Grinsztajna**
Radom,
Zgodna 1

## „DYNAMO“
**Kielce ul Sienkiewicza 61**
## Instalacje Elektryczne
**siły i światła z przyłączeniem do sieci Elektrowni Kieleckiej, także**
**INSTALACJE fabryk, tartaków młynów etc.**
**Przewijanie Motorów i Dynamo-Maszyn:**
sprzedaż żarówek i innych materjałów elektrotechnicznych.
*Po cenach konkurencyjnych.*

## אכטונג!
צובראָכענע ראַוורען פּעררעכט איך און קלעב זיי אויס מט אייזען אויף איין גאז פייער. איך פּצררעכט אויך אלערליי טעפּ עמאליר׳טס, אלי. מיניאַווע אונד א. וו. איך שווייסעווע אויך טיילען פון סאמאכאָדען, רעהרען, בלאכען אונד ד. גל.
אלע ארבייטען ווערען אויסגעפיהרט מיט איין פיהליעהריגע גוואַראַנץ און פאר זעהר נידריגע פרייזען.
מיט אכטונג: **וולאשינסקי.**
אדרעס: ראדאם, שמאַראַ-קראַקאָווסקא 11.

## Kino „CZARY“ w Kielcach
פּרעמיערא! היינט און יעדען טאָג פּרעמיערא!
**PÓŁŚWIATEK PARYJSKI** דאָס בעריהמטע בילד
דראמאט אין 9 אקטען. — אין די הויפּט-ראָלען
*Mary Pickford i Charlie Chaplin*




## —הערען און דאמען!—
**פערלאנגט נאר די בעסטע שוה-פּאסטע**
# „MARY“
ווער ס'האָט נאָר איינמאָהל פּרוביר'ט
האָט זיך איבערצייגט, אַז די בעסטע שוה-פּאסטע
# „MARY“ איז נאָר
וואָס מאַכט בעקוועם און ווייך די לעדער און פערשאַפט
**אַ הערליכען שפּיגעל—גלאַנץ**
Fabryka przetworów techno-chemicznych
**„MARY“** Warszawa (Sielce) Zajączkowska 9. tel 419 69

## יעדע ווירטין דארף וויסען,
אַז די מאַשטש צו פּאדלאָגעס
**„JASNIEJ SŁOŃCA“**
גיט צו די פּאדלאָגעס, פּאַסאַדקעס און לינאָלעאום אַ שעהנעם און לאַנגדויערהאַפטיגען גלאַנץ, אָהן בענוצען זיך מיט בערשטען!
# Jaśniej Słońca
פערטרעט אייל-פארב, פארבט ווייסע פּאדלאָגעס אין פּצרלויף
פון אַ שעה אויף די פּאָרבען:
מאַכאַגאַניאָווע און טינקעל ארזשעכאָווע
פּרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען
פערקויף אין אַלע סקלאַד-אַפּטעטשנעס, זייף און פּארב געשעפטען.
Fabryka przetworów techno-chemicznych
**„MARY“** Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9. Tel. 419:69

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC
Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlkowska № 20.